# קיפקע

שכונת ויואל משה

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

**04**

**חג השבועות**
**May 17 2026**




## שפעט קומען
## איז מער
## נישט קיין
## תירוץ



פריימערי דאקטורים
פון 9:00
ביז 9:00
9 AM — 9 PM

Your Health, Close To Home - Nestwell primary Care Near Shechinas V'yoel Moshe

exotic•team

**Nestwell** Family Health

745 RT 17M #103
MONROE NY 10950
845.782.4000
NESTWELLHEALTH.ORG

Primary Care
Acute Care | Specialty Care

Convenient primary care with late hours — Schedule your appointment today.

HOURS: SUNDAY 10AM - 8PM | MON.-THUR. 9AM - 9PM | FRIDAY 9AM - 5PM | TRANSPORTATION AVAILABLE

# שכן צו שכן

א גוטן. אפשר קען מען אויפברענגען די פראבלעם וואס מאכט זיך יעדע וואך שבת ביי די אינטערסעקשאן, ווען מ'וויל אריבערגיין פון אוסטראהה צו בעיקערטאון. א גאנצע וואך קען מען דריקן די "עראו" קנעפלעך און אזוי ווערט גרין פאר די דורכגייער, אבער שבת קען מען עס דאך נישט דריקן, ממילא בלייבט עס די גאנצע צייט רויט און מ'קען נישט קראסן און אריבערגיין. צו וועמען דארף מען רעדן דערוועגן? ווער קען זעהן צו מאכן אז שבת זאל זיך עס יא טוישן אויטאמאטיש? א גרויסן שכוח.

איך וואלט געוואלט בעטן אויב איינער פון די שכנים ווייסן וועלכע קאליר פעינט מען נוצט פאר די ווענט און פאר די וואדווארק (woodwork), זאל ביטע לאזן וויסן דא פאר די שכנים, אזוי וועט מען וויסן וועלכע פעינט צו קויפן פאר טאטש-אפס.

ישר כח

א גרויסן יישר כח פאר די "קופקע", עס מאכט די שכונה אזוי היימיש, איש את רעהו יעזורו. איך וויל דא איבערלאזן א מעסעדזש איבער א נושא וואס איך גלייב אז אויב מ'וועט שרייבן דערפון וועט עס ווערן א שטארקע מדובר: דאס איז די אנגעווארפענע בייקס וואס ליגן אזוי פאר'יתומ'ט דא אין אלע ווינקלען.

אסאך מאל לאזט א קינד איבער א בייק פאר בלויז אפאר סעקונדעס, און עס ווערט גלייך פארשוואונדן, וועג א צווייטער נעמט עס. מ'דארף אויסלערנען די קינדער אז מען טאר נישט נעמען קיין בייקס אן רשות.

מיר עלטערן דארפן אויך וויסן אז עס איז אונזער אחריות נישט צו פארלירן די בייקס פון די קינדער. מען דארף לייגן א לעיבל אויפ'ן בייק, אויפגעשריבן גרויס מיט'ן נאמען, און עס גוט צוקלעבן מיט טעיפ עס זאל נישט אראפפאלן אזוי שנעל.

עס וואלגערן זיך ארום אזויפיל בייקס דא אין די געגנט, עס איז ממש א שאד אידיש געלט! הלוואי זאל איינער אויפשטעלן אן "השבת אבידה צענטער" דא אין די געגנט, וואו מען זאל קענען ברענגען אלע פארלוירענע בייקס, ווי אויך אלע אנדערע סארט חפצים, כדי מען זאל קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה פון השבת אבידה.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסקומען מיט די "קופקע", אזוי קען מען זיך טאקע דורכשמועסן און צוזאמרעדן. איך האב געמופט פון וויליאמסבורג, וואו איך פלעג אלס מקפיד זיין צו דאוונען שבת אינדערפרי פארן סוף זמן תפילה, און איך האב דא געזוכט א מנין אבער איך האב נישט געהאט וועמען צו פרעגן און איך האב נישט געוואוסט וואו עס איז דא אזא זאך. א גרויסן יישר כח פארן אריינלייגן דעם בריוו פון דעם איד וואס האט געוואלט וויסן צי

# BABYTIQUE

Where Little Dreams Begin

## Worry less, *love more.*

At BABYTIQUE, we take care of all your baby wardrobe needs so you can take care of your baby.



SPECIAL OFFER

**FREE GIFT**

WITH MINIMUM PURCHASE OF $75

• MENTION THIS AD •

*Because baby's don't wait for business hours.*

**PREMIUM QUALITY & CARE**
Carefully selected essentials.

**THOUGHTFUL GIFTS & HAMPERS**
Beautifully curated with love.

**SEASONAL COLLECTIONS**
Trendy and comfortable for every season.

**NEWBORN TO KIDS APPAREL**
Styles and sizes for every stage.

15 Prag Unit 101 (Basement)

845–544–5666

Sun–Thurs 11–2 and 8–10 pm, Fri 11–1

# ALBUM ARTIST

**Custom Albums 845-806-1958**

*Create forever lasting memories through a stunning album!*

Wedding album ~ Tenoyim album ~ Baby album...

# שכן צו שכן

עס איז דא א מנין אין אונזער געגענט, חוץ פון אראפגיין צום גרויסן בית המדרש. דורכדעם בין איך געוואויר געווארן אז עס איז דא א מנין אינעם גרויסן בית המדרש, און איך גיי טאקע שוין אראפ דאווענען דארט. איך וואלט טאקע געוואלט וויסן און עס וואלט געווען א גרויסע הילף אויב מען קען מסדר זיין אז דא ביי אונז אין די שכונה זאל אויך זיין א "סוף זמן תפילה" מנין שבת אינדערפרי, מען זאל נישט דארפן גיין אזוי ווייט. א גרויסן יישר כח.

## פידבעק אויף אדווערטייזערס

איך האט פאריגע וואך אדווערטייזט "העריטידזש זילבער", וויל איך מיטטיילן מיין פערזענליכע עקספיריענס וואס איך האב ביי זיי געהאט, וואס קען אפשר צוניץ קומען פאר נאך שכינים.

אויף פסח האב איך גענומען מיין גאנצע אלטע זילבערווארג וואס האט זיך אנגעזאמלט במשך די יארן זינט אונזער חתונה, און איך האב עס "אריינגעטרעיד" ביי "העריטידזש" פאר פרישע הערליכע שטיקער. איך האב אויסגעקליבן די נייע סארט "איבערגעדעקטע" זילבער, למשל א שיינע זילבערנע ווייןפלאש, לייכטערס און נאך. דאס אמאליגע זילבער איז דאך היינט-צו-טאגס נישט אזוי שיין קעגן די נייע הערליכע סטיילס. מיין אלטע זילבער איז געווען ווערד א סכום פון איבער $8,000, און איך האב מיך ממש געקענט אויסשטאפירן פונדאסניי מיט גאר שיינע און קוואליטעט זילבערנע חפצים.

אזוי אויך באקומט מען דארט פיל מער געלט פארן אויפטויש ווי ביי די אלגעמיינע פלעצער. ווי באלד זיי אליין פארקויפן זילבער, קענען זיי געבן פיל בעסערע פרייזן אויב מען נעמט "סטאר קרעדיט", וואס דאס איז פאר זיי מער ווערד און דערפאר צאלן זיי העכער.

דאס אדווערטייזן פון "בלומגינג גראוו" פארמאסי דא אינעם "קופקע" האט זיך זיכער אויסגעצאלט פאר זיי, ווען מיר זענען געוואויר געווארן פון זיי און אז מען קען באקומען גוטע און שנעלע סערוויס פון א פארמאסי. מיר האבן זיי אנגעהויבן צו נוצן, ווען איך גלייב אז נאך שכנים האבן אויך הנאה פון זיי, עס איז גוט צו לאזן וויסן פאר נאך שכנים ווי גוט און שנעל זיי סערווירן, ספעציעל אונזער געגנט.







ads@svmkipka.com
845.682.1282

# שכן צו שכן

### א ביזנעס איידיע פארן געגנט

א גוטן, דאס אליין וואס מען קען אריינשיקן איידיעס פאר פרישע ביזנעס איידיעס, וואס די שכונה קען נוצן, איז שוין א געוואלדיגע תועלת אויב דאס וועט טאקע עפעס אויפטון. קודם וועט עס זיין א בענעפיט פאר די איינוואוינער אז מען האט עס דא אינעם געגנט, און אזוי אויך וועט נאך א תושב האבן א שיינעם קוואל פון פרנסה.

איך מיט נאך עטליכע חבר'טעס ווילן זיך צאמקומען איין מאל א חודש פאר א לאנטש, צו פארברענגען צווישן אונז. איך גלייב אז עס זענען דא נאך אזעלכע פרויען וואס וואלטן דאס געוואלט.

איז עס א גוטע איידיע פאר איינעם צו אינוועסטירן און אויפבויען א שיינעם קאנפערענץ-רום דא אינעם געגנט, וואו עס איז דא פלאץ פאר בערך צען ביז פופצן מענטשן, און עס ארויסדינגען פאר אזעלכע צוועקן. איך גלייב אז מענער וועלן דאס אויך קענען אויסנוצן פאר ביזנעס מיטינגס אדער חבורות.

יישר כח.




# עסן בחינם

**לגוף - העלפט מעדיקעיד מעמבערס צו ווערן באשטעטיגט פאר וועכנטליכע פרייע כשר'ע גראסעריס און גרייטע מאלצייטן דורך די SCN פראגראם.**

יעדע טעלפאן קאל ווערט געענטפערט | 100% צופרידענע קאסטומערס | קלויבט אויס אייער לאקעל פלייש-סטאָר





LAGUF

**האט איר מעדיקעיד?**

איר קענט מעגליך באקומען וועכנטליך כשר'ע עסן דעליווארט צו אייער טיר אומזיסט.
רופט יעצט: 845.251.0080

1 **רופט "לגוף"** איבער 20 אגענטן שטייען גרייט אויפצונעמען אייער רוף מיט געדולד און אייך ארויסהעלפן מיט'ן גאנצן פראצעס פון אנהייב ביזן סוף.

2 **ווערט געסקרינט און באשטעטיגט:** מיר וועלן דורכגיין מיט אייך צו זען אויב איר זענט בארעכטיגט, און אונזערע עקספערטן וועלן טאן אלעס מעגליך איר זאלט באקומען די מאקסימום בענעפיטן.

3 **באקומט אייער וועכנטליכע דעליווערי:** הייבט אן באקומען כשר'ע געשמאקע גרייטע מאלצייטן מיט גראסערי באקסעס, דירעקט צו אייער טיר.

Call Laguf today to get screened, sign up, or switch providers | **office@laguf.org** | **845.251.0080**

Faigy Deutsch
portrait photographer

347-587-0839
visit Faigydeutsch.com



# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

*עס איז געווען א שאלה דא אינעם קאלום אפאר וואכן צוריק, אויב מען מעג בארגן בייקס פון שכנים אן פרעגן רשות, און עס זענען אריינגעקומען אינעם טעלפאון ליין נאך עטליכע שאלות צום דיין שליט"א איבער די נושא פון בייקס וואס מיר וועלן פארלייגן די וואך.*

***שאלה א':*** אויב איינער לייגט ארויף א טרעקינג דיוויס אויף זיינע קינדערס בייקס, מעג מען פארן מיט דעם אום שבת?

**ענטפער: די בייק ווערט נישט מוקצה.**

•

***שאלה ב':*** דער דיין שליט"א האט גע'פסק'נט אז מען דארף פרעגן רשות צו נוצן א צווייטנס בייק, דארף די רשות קומען פון די עלטערן, וואס זיי זענען די בעלי בתים פונעם בייק, אדער מעג מען פרעגן פון די קינדער, וויבאלד די עלטערן האבן עס געקויפט פאר זיי און די קינדער האבן די רשות דערויף?

**ענטפער: דער בעה"ב איז דער וואס ליידט דעם שאדן, און נאר ער האט די רעכט צו געבן רשות וואס דאס זענען די עלטערן, אויסער אויב זיי שטעלן קלאר אז זיי געבן די רעכט פאר זייער קינד דאס אוועקצובארגן.**

•

***שאלה ג':*** סקוטערס האבן אפטמאל זייער פאדערשטע שטעקן מיט וואס מען קאנטראלירט די סקוטער, מען קען מאכן העכער אדער נידעריגער לויט'ן סייז, מעג מען דאס טון שבת, אדער איז דאס גערעכנט אלס אן איסור פון בונה?

**ענטפער: עס איז מותר.**

•

***שאלה ד':*** אויב איינער זעט א קינד פארן אן א העלמעט אויף א מסוכנ'דיגע סקוטער, מעג מען עס אוועקכאפן פון אים? איז דאס מותר על פי תורה, אדער גייט דאס אריין אינעם איסור פון גניבה?

**ענטפער: ניין. אויב ער האלט אז מען וועט אננעמען זיינע ווערטער, זאל ער זאגן אז מ'דארף אנטוען א העלמעט.**

**אריינצושיקן שאלות לאזט א מעסעדזש אויף 845.682.1282**
**אדער שיקט צו letters@svmkipke.com**

אייער פריינט
יוסף פנחס פאללאק
תושב השכונה

# ווען
# ווארטן
# 4 מינוט
# איז זייער
# לאאאנג

## קאלל א קארסעיף

carsafe

845.512.5555




קרית יואל
פארט מיט
קארסעיף

CALL OR TEXT
24 HRS A DAY

LOCAL AND
LONG DISTANCE

MGM HelloMGM.com

# ער פרעגט

**מיר וואוינען אין א געגנט מיט גוטע שכנים, וואו מען האלט זיך נאנט איינער מיט'ן צווייטן. פילע ארגאניזאציעס נוצן דאס אויס פאר זייערע צוועקן און שטעלן איין פרויען פונעם געגנט צו קאלעקטן געלט, און פאר א פרוי איז זייער שווער אפצוזאגן ווען א חבר'טע בעט. מיר די מענער דארף זיך ספראוועווען דערמיט. וואס איז אייער מיינונג איבער דעם ענין?**



אי"ה יעדע וואך וועט זיין איין פראגע, א וואך שפעטער וועלן מיר ברענגען די ענטפערס. ביטע שיקט אריין אייער מיינונג צו letters@svmkipke.com אזוי אויך קענט איר ארייינשיקן פראגעס וואס זאלן ווערן געפרעגט פאר די תושבי השכונה.




ads@svmkipka.com
845.682.1282

# זי פרעגט

**בלע"ה אונזער געגנט שפרודלט מיט טויזנטער אידישע קינדער וואס פילן אן די גאסן יעדן נאכמיטאג אין די זומער וואכן זיך צו שפילן. וואס איז אייער מיינונג, ביז וועלכע צייט מעגן קינדער בלייבן שפילן אינדרויסן אויף די גאס? ווענדט עס זיך אין דעם ווען עס ווערט טונקל, אדער דארף זיין א באשטימטע צייט אויפ'ן זייגער ווען די גאסן דארפן ווערן ליידיג פון קינדער?**



אי"ה יעדע וואך וועט זיין איין פראגע, א וואך שפעטער וועלן מיר ברענגען די ענטפערס. ביטע שיקט אריין אייער מיינונג צו letters@svmkipke.com אזוי אויך קענט איר אריינשיקן פראגעס וואס זאלן ווערן געפרעגט פאר די תושבי השכונה.

joy2media.com

REQUEST OUR CATALOG WITH THE FULL SHAVUOS COLLECTION : ORDERS@CHOCOCHEESENY.COM




DELIVERING TO: MONSEY / MONROE / WILLIAMSBURG & BP / FLATBUSH & CROWN HEIGHTS / LAKEWOOD & ALL NJ AREAS / FIVE TOWNS / QUEENS / STATEN ISLAND / CONNECTICUT / BALTIMORE

chococheese

CHOCOCHEESENY.COM | 845.751.9249 | ORDERS@CHOCOCHEESENY.COM KK חלב ישראל

ads@svmkipka.com
845.682.1282



# א שפאציר אינעם תורה גארטן דא אינעם שכונה

**א באזוך ביי די שיינע שיעורי תורה דא אינעם געגנט**

דער וועקער זייגער וועקט אונז אויף. מיר גייען היינט קונה זיין אסאך תורה ביי די פילע שיעורי תורה דא אינעם געגענט, וואס מיר וועלן פארשטעלן פאר אונזערע חשוב'ע "קופקע" לייענער, לכבוד דער הייליגער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון קבלת התורה. אונזער געגנט איז ב"ה געבענטשט אז דער קול תורה הילכט אפ אין אונזערע בתי מדרשים רוב שעות פונעם טאג, לאמיר איניינעם זיי גייען באזוכן, ברענגען א ווארימען גרוס, וואס איז א געשמאקער הכנה צום יום טוב פון מתן תורה.

מיר זענען גרייט פאר די מיסיע, עס איז געשמאק אנצוהייבן דעם טאג מיט א געוואלדיגע פרישקייט, אז עס האט צו טון מיט אונזערע הייליגע באליבטע תורה. קודשא בריך היא וישראל ואורייתא חד היא! מען לאזט זיך ארויס פון דערהיים מיטצוכאפן די הערליכע שיעורי תורה דא אין געגנט אין די צופרי שעות, זיך אנצופילן מיט א "יום שכולו תורה".

א קאווע דארף מען נישט מיטברענגען פון שטוב; ברוך השם, אלע בתי מדרשים דא אין די געגנט זענען הערליך אויסגעשטאט מיט באקוועמע קאווע שטיבלער וואס ווערן געפירט מיט א ווארימקייט אין הכנסת אורחים דורך די איבערגעגעבענע שמשים, אז עס זאל שטיין צום דינסט 24 שעה א טאג צום פולסטן צופרידנהייט פון די מתפללים און לומדים. יעדן אינדערפרי ווערט דער עולם אויפגענומען מיט א רייכע און געשמאקע אויסוואל, און דער שמעק פון פרישע קאווע מישט זיך אויס מיט'ן קול התורה וואס הילכט אפ פון אלע עקן.

### 7:00 צופרי חק לישראל "בית יקותיאל"

מיר הייבן אן אונזער "שיעורים טאג" מיט א באזוך אין ביהמ"ד "בית יקותיאל", וואו עס קומט פאר יעדן אינדערפרי זיבן אזייגער פינקטליך, א שיעור אין "חק לישראל".

נאכ'ן זיך מאכן א פיינע קאווע - די ערשטע אינעם טאג - האבן מיר זיך אוועקגעזעצט מיטהאלטן דעם געשמאקן "בעל-הבית'ישן" שיעור וואס ווערט איבערגעגעבן דורך ר' פנחס ברוין הי"ו - פון די געטרייע הצלה און מצילי אש וואלונטירן דא אין געגנט - אינעם דרום-מערב ווינקל פונעם בית המדרש.

יעדן טאג ווערט דורכגעאקערט דעם ◄



אייער פריינט
תושב השכונה
Unwind in a cozy, soft, spa-ambience where the experience matters as much as the results. Treat yourself, and get treated effectively.
THE FINGERTIPS WAY.
A softer experience. Stronger Results.
At your fingertips.
Fingertips, a trusted name in laser, is proud to bring you a revolutionary laser machine using advanced tech innovation for hair-raising faster results. Featuring contact cooling, an ice-cold glass that touches directly your skin- working simultaneously with the laser, it ensures the maximum comfort of all laser machines in the Tri-state area.
Pessy@PessyFriedman.com
Special Kallah Promotion:
Get a teeth whitening for only $175 with your laser package signup!
Fingertips
With a gentle touch
YACHY FARKAS NYSC
1 BEER SHEVA (SVM)
Famous Flatbush facials- finally local! Selling coordinating products
Highly- effective Teeth whitening
Laser and Electrolysis
BOOK YOUR GLOW-REVEALING APPOINTMENT: CALL 845.782.9224



"חק" פון יענעם טאג מיט א קלארקייט, ווען יעדער משתתף גיבט צו נופך משלו. עס איז א ספעציעלער חן צו זען ווי אידן בעלי בתים הארעווען און כאפן אריין א שטיקל תורה פאר מען גייט ארויס צו די ארבעט. איינער קומט גראד פון א נאכט-שיפט, א צווייטער האלט שוין די קאר-שליסלען אין די הענט, אבער אלע זיצן דארט פאראייניגט פאר א שיינער ווײלע איבערגעבויגן איבער'ן חק, מיט א ווארימקייט צו לימוד התורה בקביעות.

## 7:30 יסודי התורה "ישראל שלום"

אונזער קומענדיגער אפשטעל איז געווען אינעם "בית המדרש ישראל שלום", דער הערליכער שול אינעם געגנט וואס איז נארוואס באנייט געווארן מיט עטליכע חדשים צוריק. מיר טרעטן אריין אינעווייניג, און פונקט 7:30 אויפ'ן זייגער הייבט זיך אן דער ערשטער שיעור. מיר האבן זיך אוועקגעזעצט צו הערן דעם שיעור פונעם רב שליט"א, וואס לערנט פאר "יסודי התורה". עס זיצט דארט א שיינער ציבור אידן, מען לערנט מיט א געוואלדיגן געשמאק, מיט א קלארקייט און א חיות.

"דער עמוד איז מיר געווארן זייער קלאר ביים ענדיגן" אט דער סטעיטמענט איז געליגן אין מיין מח ביים זיך פארצייכענען קרישקעלעך פונעם שיעור, ווען דאס איז באשטעיגט געווארן דורך נאך משתתפי השיעור אזוי. צופרידענע געזיכטער האבן עדות געזאגט אז די שיעור איז זייער בעסטער אנהייב פארן טאג, וואס זיי קענען נישט פארפאסן.

עס האט זיך שוין אליין געלוינט דאס אויפשטיין נאך פאר דעם שיעור. בלי עין הרע, מען פילט דעם כח התורה וואס ווערט דא פארשפרייט, מען גייט ארויס מיט א מורא'דיגע חיות אויפ'ן גאנצן טאג. אפילו דער וואס איז אריינגעקומען אביסל פארשלאפן מיט א קאווע אין די האנט, גייט ארויס שפעטער מיט לעבעדיגע אויגן און א מוח וואס ארבעט שארף.

## 8:10 תורתך שעשועי "ישראל שלום"

דערנאך האבן מיר זיך געמאכט נאך א קאווע און ארויפשפאצירט צום וועלט בארימטן שיעור וואס גייט פיל ווייטער ווי בלויז די היזיגע בית המדרש ווענט ווען דער שיעור ווערט אויסגעהערט דורך איבער טויזנט מענטשן אויף די ליינס. דער שיעור ווערט פארגעלערנט דורכ'ן דומ"ץ הביהמ"ד רבי דוד גרינפעלד שליט"א. דאס איז דער אייגנארטיגער שיעור וואס ווערט גערופן "חי שיעור", וואו מען לייגט א שטארקן דגוש אז עס זאל נעמען בערך ח"י מינוט, מען זאל נישט פארברענגען מער ווי אכצן מינוט אויף א בלאט גמרא. אבער אכצן מינוט אפגעקנעטן און אפגעבאקן ווי עס דארף צו זיין, מיט אלע טעמים!

עס זיצן דארט בערך פופציג-זעכציג אידן, מען זעעט קלאר ווי יעדער לעבט ממש מיט מיט'ן שיעור. אויך דער נדבן פונעם ביהמ"ד, ר' עקיבא הערש קליין, זיצט דארט אינעם שיעור. כאטש עס איז א שנעלער שיעור, איז אבער דער אופן וויאזוי עס ווערט פארגעלערנט אזוי קלאר און געשמאק, אז אפילו א מענטש וואס האלט ביי זיך אז "גמרא אינדערפרי איז צו שווער פאר מיר" טרעפט זיך פלוצלינג זיצן מיט אן אפענע גמרא און א שמייכל אויפ'ן פנים.

ביים פרעגן איינער פון די משתתפי השיעור א סטעימענט אויפ'ן שיעור צו קענען שרייבן, האט ער זיך אויסגעדרוקט: דער ח"י שיעור האט געוואלדיג געהויבן דעם כח התורה דא אין די גאנצע געגנט. מענטשן רעדן דערפון אין מקוה, אין גראסערי, און אפילו צווישן מנחה און מעריב הערט מען ווי איינער פרעגט דעם צווייטן: "האסט שוין געהערט דעם היינטיגן ח"י שיעור?...



ZelCare
Family Health Network
גלייבט געזונט!
יום טוב שעות:
Thursday - ערב שבועות
May 21
9 AM - 11 PM
Onsite X-ray 10-7 PM
Friday - א׳ דשבועות
May 22
12 PM - 12 AM
Onsite X-ray 12-8 PM
Saturday - ב׳ דשבועות
May 23
Motzeh - 12 AM
Onsite X-ray 10-12 AM
א גוט יום טוב, און א געזונטן זוממער!
845.782.0000
3 Hamaspik Way
Primary Care
Urgent Care
Gynecology
Orthopedics
Proctology
Endocrinology
Cardiology

מען דארף שוין מער נישט קראסן די גאס איינקויפן עפעס פאר שבת!

# אלעס פאר שבת
# פון א' ביז ת'

פיש / דיפס / זופ / פלייש / טשולענט / אלע מינע ק
נאש / ליכט / פעפער גודס / טרינקען און נאך......

מיר האבן די באקאנטע
גוטע חלות פון גליק'ס
בעקערי (מאנסי)

רייכע אויסוואל
פון געשמאקע עסן
פאר ליל שישי

מיר האבן אר
היימישע כ
crunch ...

אויסוואהל פון עטליכע
עקסלוסיווע דיפ'ס פאר
ONLY 2.99 ~~5.50~~

דאן מאניועל'ס (Don
Manuel) גרעיפ דזשוס
ONLY 9.99 ~~13.00~~




...סע
...הד
...99 ~~5.00~~

5 באר שבע #006

**ליל שישי:** פון 6:00 ביז 11:30 | **ערב שבת:** פון 12:00 ביז א האלבע שעה פארן ז...

ת

ספעשל פרייזן
און חידושים
יעדע וואך!

ינע קוגלען / חלות / היימישע קעיק / בלומען /

......

האבן אריין באקומען די פרישע
ימישע קעיק פון Cravers
Ropogosh און פון crur

שיינע איסווייל
פון בלומען דורך
primrose

Primrose
Floral Studio

סעט 2
הדסים
ONLY 2.99 ~~5.0~~

ז פאר'ן זמן

# טועמיה
געשמאקע מאכלי שבת



## א שפאציר אינעם תורה גארטן דא אינעם שכונה

### 8:10 ביינאכט שולחן ערוך "מנחם זאב"

נאך א געשמאקע נאכטמאל אינדערהיים, הייבט זיך אן די "נאכט-רונדע" פון שיעורי תורה. ווען מיר זענען געלאפן פון איינע אריין אין די צווייטע, ווען די שיעורים זענען אין דער זעלבער צייט.

די ערשטע שיעור איז ממש געווען א פולקאמער תענוג רוחני. ביים אריינצושפאצירן אין ביהמ"ד מנחם זאב 8:08 פונקט ווען דער עולם גרייט זיך צו הערן דעם טעגליכן הלכה-שיעור פונעם רב שליט"א. עס ווירבלט מיט די גרויסע שולחן ערוך'ס אונטער די ארעמעס. דער שיעור קומט פאר יעדן אוונט צווישן 8:10 און 8:30 - א קנאפע צוואנציג מינוט.

כאטש עס איז בסך הכל בלויז צוואנציג מינוט, זענען דאס אבער צוואנציג מינוט וואס "מאכן" דעם גאנצן טאג. אלע משתתפי השיעור זענען עדות אויף די געוואלדיגע געשמאקייט און די קלארקייט להלכה למעשה וואס מען נעמט ארויס פונעם שיעור. מען גייט דורך גרונטליך הלכה נאך הלכה, לויט'ן סדר פון שולחן ערוך, ווען מען האלט יעצט ביי הלכות תפילה. דער רב שליט"א מיט זיין באקאנטן לשון לימודים לערנט פאר דעם מחבר און צולייגט אלע הלכות מיט א פליסיקייט געגאסן הלכה למעשה, לדעת את המעשה אשר יעשון.

אפילו איינער וואס קומט אריין "נאר פאר פינף מינוט", בלייבט שוין געווענליך ביז'ן סוף... און נאכן שיעור שטייט מען נאך א פערטל שעה אינדרויסן און מען שמועסט איבער די הלכות. איינער דארטן האט זיך מיר אויסגעדרוקט: דער געשמאקער שיעור דא פונעם רב שליט"א האט מיר פשוט געמאכט ליב האבן צו לערנען תורה! דער שיעור האט מיר געעפענט מיין קאפ אז לערנען תורה קען יא זיין געשמאק.

### 8:45 הלכות שבת "ישראל שלום"

גלייך דערנאך האבן מיר זיך אריבערגעכאפט צו ישראל שלום, מיר האבן עספיעט צו טרעפן א גוטע פארקינג. מיר האבן זיך געיאגט צום פאפולערן שיעור וואס קומט דא פאר יעדן אוונט אום 8:45, דער באקאנטער שיעור אין "ישראל שלום" דורכ'ן דומ"ץ שליט"א, וואו מ'לערנט דורך הלכות שבת בטוב טעם ודעת. דער שיעור ציט זיך שוין קנאפע דריי יאר, נאך פונעם אלטן בית המדרש אין בית אלעזר; מ'האט שוין ב"ה געמאכט א סיום אויף גאנץ הלכות שבת, מען האלט שוין יעצט ביים צווייטן מחזור בסייעתא דשמיא.

די געוואלדיגע קלארקייט וואס מ'באקומט דא איז עפעס מורא'דיג, און ווי דער עולם וואס באטייליגט זיך זאגט טאקע, האט עס ממש געטוישט דעם גאנצן שבת. אנגעהויבן פון די הלכות פון עפענען דעקלעך פון באטלעך שבת, ביז וויאזוי מ'האנדלט מיט בייקס, שבת זייגערס, בעיבי-קארידזשעס און יעדע קלייניגקייט וואס קומט נאר אונטער אום שבת - עס האט אינגאנצן געטוישט דעם מושג ביי די לערנער, אז אויף יעדע איינציגע זאך שבת איז דא א קלארע הלכה.

דער סדר השיעור איז אויסגעשטעלט אויף אן הערליכן אופן: די ערשטע פופצן מינוט לערנט מען א געשמאקן שיעור אין ספר מסילת ישרים, וואו דער דיין שליט"א פלעכט אריין שיינע ענינים און חיזוק, וואס עס איז אן עקסטערע בענעפיט מיטצוהאלטן. דערנאך, פון 9:00 ביז 9:30, קומט פאר דער קלארער הלכה-שיעור. ס'איז אינטערעסאנט צו זען ווי מענטשן וואס האבן אמאל געמיינט אז "הלכות שבת" איז נאר פאר רבנים, זיצן היינט מיט א פעדער און צייכענען זיך אן הערות ממש ווי תלמידי חכמים. מען זיצט מיט אפענע מיילער פארגאפט זיך אנצוזעטיגן מיט די קלארע ווערטער הלכה למעשה.

# COMING SOON TO THE SVM AREA!

## A BRAND NEW FISH STORE IS OPENING TO SERVE THE SVM AREA

Great Prices

Clean & Friendly Service

Large Variety of Fresh & Frozen Fish

Convenient for the Entire SVM Area



אייער פריינט
**תושב השכונה**

**STAY TUNED**

## א שפאציר אינעם תורה גארטן דא אינעם שכונה



”עס איז א שיעור וואס מען פארפאסט נישט”... הערן מיר דעם זעלבן לאזונג פון היבשע מקשיבי השיעור. עס זעטיגט פשוט די נשמה.

## 9:00 יסודי התורה ”מנחם זאב”

דערנאך האבן מיר געדארפט צוריק אריבערלויפן צו ”מנחם זאב” שול פאר געציילטע מינוטן און געכאפט א בליק אויפ'ן גאר געשמאקן שיעור, דורך דעם חשוב'ן מגיד שיעור הרה”ג רבי יאנקל מארקאוויטש שליט”א, וועלכער לערנט פאר דעם שיעור היומי פון ”יסודי התורה” יעדע נאכט 9:00 אזייגער אינעם היכל הבית המדרש אויף מזרחית צפונית. דער שיעור איז הערליך אריינגעפלאכטן אינעם גאנצן ”קול התורה” וואס הילכט אפ אינעם בית המדרש צוזאמען מיט אלע אנדערע געשמאקע חבורות.

## 9:00 זכרו הלכה ”בית יקותיאל”

צוריק צו בית יקותיאל. אונזער אויטא איז פארקירט געווארן אינדרויסן ביי די זייט, מיר זענען אריינגעלאפן שנעל כאפן דא אין בית יקותיאל דער הערליכן שיעור פונעם חשוב'ן דיין הרה”ג רבי משה זאב שווארץ שליט”א אין חדר ב'. עס איז געווען אן עקסטערע געשמאק אריינצוקומען און מיטהאלטן וויאזוי דער עולם איז אזוי אויפגעלעבט מיט'ן לימוד.

דער דיין לערנט פאר יעדן טאג דעם ”הלכה יומי” פון זכרו, און דער עולם האט א געוואלדיגע הנאה דערפון. מען קען זען ווי מענטשן גייען ארויס פונעם שיעור און חזר'ן נאכאמאל איבער א נקודה מיט א חברותא אינעם קארידאר, ממש ווי אין א גרויסע ישיבה. וויפיל זאכן בין איך געוואויר געווארן אז איך טו נישט ריכטיג א דאנק דעם שיעור, האט מיר זייער דייטליך געענטפערט א חבר מיינעם, ווען איך האב אים געפרעגט א ווארט צו שרייבן איבער'ן שיעור.

## 9:00 זכרו גמרא ”בית יקותיאל”

דערנאך האבן מיר געטראפן נאך א געשמאקע שיעור וואס קומט פאר 9:00 אזייגער ביינאכט אין בית יקותיאל ביים צפון-מזרח ווינקל. דארט האבן מיר געזען ווי א הערליכע חבורה וואס לערנט מיט א געוואלדיגע חיות אינאיינעם, דורך הרה”ג רבי קלמן אליעזר מאנדל שליט”א. ”זכרו” בלעטער ווערט טעגליך דורכגעאקערט מיט א קלארקייט, ווען מען רוקט זיך יעדן טאג נאך און נאך בלעטער ב”ה, ווען מען ענדיגט דעם טאג מיט אזויפיל געשמאקע שיעורים

***

מיר האבן זיכער אויסגעלאזט נאך שיעורים, אי”ה ועוד חזון למועד. אזוי אויך די הערליכע שיעורים פון שבת קודש. אבער זעענדיג די כח התורה דא אינעם געגנט, קען מען זאגן מיט א פולן מויל, א דאנק די אלע שיעורים איז דער כח התורה אין”שכונות ויואל משה” אויף גאר אן הויכן פארנעם; מען קען ממש שפירן ווי די אטמאספערע אליין איז דורכגעזאפט מיט תורה.

אזוי און אט אזוי איז טאג נאך טאג און נאכט נאך נאכט. די גאנצע שכונה ווערט העכער און מער געהויבן מיט'ן כח התורה. יעדער שיעור, יעדע חבורה און יעדע שאלה אין הלכה, אלעס אינאיינעם בויט אויף א שכונה פון אידן וואס לעבן מיט תורה. ווען די גאס איז פול מיט תורה, זעט מען עס נישט נאר אינעם בית המדרש; מען זעט עס אין די היימען, ביי די קינדער, אין די שמועסן, און אין די גאנצע אטמאספערע פונעם געגנט.




# Phone Orders

***unmatched in speed and reliability***

Enjoy fast and convenient phone ordering. Relax while we prepare your order and deliver it right to you.

MAKE YOUR ORDER DURING THE **NIGHT HOURS** AND GET IT DELIVERED BY **7:30 IN THE MORNING.**

**NO MISSING ITEMS.** WE WILL ALWAYS CALL YOU TO ASK WHAT YOU WOULD LIKE AS A REPLACEMENT

**A DEDICATED DELIVERY VAN FOR SHCHINAS VYOEL MOSHE**




gesheft

33 Dinev Rd | 845.244.9666
orders@gesheftkosher.com
www.gesheftkosher.com




ads@svmkipka.com
845.682.1282





# סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, רצועות, בתים

**יואל מארקאוויטש**
**845-324-0063**
תושב שכונות ויואל משה

# אונזערע טשיז-קעיק איז אונזער קבלת התורה...

מרת ל.



שבועות איז איינס פון די זיסטע ימים טובים אינעם גאנצן יאר. עס איז נישטא קיין שווערע סוכה צו בויען, ס'איז נישטא קיין פרעשור פון חמץ ברעקלעך איבער'ן גאנצן הויז, אפילו די קינדער זעען אויס עפעס רואיגער... אבער אין די אידישע קאך? דארט איז גאנץ אן אנדערע מעשה. ווייל ווען שבועות קומט אן, ווערן אידישע פרויען כמעט אויטאמאטיש פארוואנדלט אין פראפעסיאנאלע "בעקערינס", בעקינג דיזיינערס, פארטי פלענערס, און אמאל אפילו אביסל פסיכאלאגן פאר'ן גאנצן שטוב...

מיר אלע ווייסן אז שבועות איז דער יום טוב פון די תורה, אבער אסאך מענטשן קען מיינען בטעות אז ס'איז גאר דער יום טוב פון טשיז קעיק...

ווער איז אבער דער וואס זעט צו אז ס'זאל זיין א גוטע טשיז קעיק אויפ'ן טיש? דאס איז דאך די אידישע מאמע. שוין צוויי וואכן פאר יום טוב הייבט מען שוין אן הערן די שמועסן ביים ווארטן אויף די באסעס: "האסט שוין דיינע רעסעפיס פאר שבועות? וואס זענען די "טרענדס" היי-יאר? וויפיל טשיז לייגסטו אריין? מאכסטו די "קראסט" אליין אדער קויפסטו עס גרייט?" אבער די שווערסטע שאלה פון אלעם איז עפעס וואס האט קיינמאל נישט קיין צופרידנשטעלנדע תשובה: וויפיל טשיז קעיקס דארף מען מאכן עס זאל נאך עפעס איבערבלייבן נאך יום טוב פאר די קאווע אסרו חג צופרי... אדער גאר אויף יום טוב אליין, איידער די "טינעידזשערס" ענדיגן עס אינגאנצן אויף...

◄


אייער פריינט
תושב השכונה
Cuts.
Styles.
Blows.
KallahServices.
5 Maglenitz
Learn the skills.
Build confidence.
Start earning.
Join our professional, one - to - one, hairstyling and haircutting course.
- Now accepting for the summer.
Contact: H. Friedman (Jakobowitz)
845 - 540 - 8712


PROFESSIONAL
Makeup
FOR ALL YOUR SIMCHAS
CUSTOM LOOK TAILORED TO YOUR STYLE
SPECIALIZING IN LONG LASTING SHABBOS MAKEUP
HOUSE CALLS AVAILABLE
ALSO OFFERING BROW AND LASH TINTING
אייער פריינט
תושב השכונה
BOOK NOW | L. Ekstein | 845-806-0119

# אונזערע טשיז-קעיק איז אונזער קבלת התורה...



אבער צווישן אונז גערעדט, אונטער'ן געשמאקן ריח פון די נאראהאפטיגע מילכיגע געבעקסן און די אלע גוטע מאכלים, ליגט עפעס פיל טיפער. שבועות האט א באזונדערע שייכות צו אידישע פרויען. חז"ל זאגן דאך אז פאר מתן תורה האט דער באשעפער געהייסן פאר משה רבינו קודם רעדן צו די פרויען: "כה תאמר לבית יעקב". ווייל די אידישע פרוי איז די וואס בויט אויף דעם אידישן שטוב. זי איז די וואס מאכט אז די תורה זאל נישט בלייבן נאר אין בית המדרש אדער אין די ספרים, נאר זי ברענגט עס אריין אין קיך, אין די קינדער צימערן, און אין די גאנצע שטוב!

מ'קען דאס ממש בחוש זען ערב שבועות: די שטוב ווערט אויפגעפרישט און ריין, שיינע בלומען קומען אריין, און יעדער קלינג ביים טיר מיט נאך א פרישע דעליווערי פון בלומען לעבט אויף די גאנצע שטוב. דער טיש ווערט שיין צוגעגרייט און געדעקט, און עס פילט זיך עפעס א הייליגע לופט אין די גאסן. אפילו די קליינע קינדער שפירן שוין אז "ס'קומט יום טוב". און יא, אינמיטן דעם גאנצן טומל דארף מען נאך געדענקען וואו מ'האט אוועקגעלייגט די בעקעלע פון די בלינצעס...

דאס איז דאך די עכטע קבלת התורה וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז אידישע פרויען: אריינצוברענגען די תורה הקדושה אין שטוב. טאקע דערפאר האבן די פרויען אזא ספעציעלן חן ביי די הכנות. קודם כל, דאס אליין אהערשטעלן אלעס פאר די אייגענע משפחה איז א חלק פון קבלת התורה. דערנאך, ווען מ'כאפט א מינוט צייט, טיילט מען מיט א גוטע רעסעפי מיט א שכנה. א צווייטע שיקט א טעלער קוגל פאר א קימפעטארין. א דריטע רופט אן א חבר'טע פרעגן אויב זי דארף אפשר א גויטע. דאס איז אונזער קבלת התורה.

דאס איז אונזער אמת'ע אידישע שיינקייט, נישט נאר די מאכלים, נאר דאס ווארימע מוטערליכע הארץ. אפילו ווען מ'איז שוין גאר מיד און די קיך זעט אויס ווי נאך א קליינע מלחמה, בלייבט נאך אלץ דער שמייכל אויפ'ן פנים און דער רצון אז די גאנצע משפחה זאל האבן א פרייליכן און לעכטיגן יום טוב.

לאמיר זיין אמת'דיג מיט זיך אליין... יעדע אידישע מאמע האט די זעלבע פאנטאזיע שבועות ביינאכט: אז יעדער זאל הנאה האבן פונעם סעודה, די קינדער זאלן זיך נישט אמפערן ווער עס באקומט דעם לעצטן קרעפל אדער די מילכיגע טשאקלאד... מען האפט אז מען וועט האבן כאטש פינף מינוט זיך אראפצוזעצן מיט א קאווע רואיגערהייט, פאר איינער שרייט שוין "מאמי, וואו איז די אייז קרים?"...

אבער דאס איז טאקע די גרויסקייט פון אידישע פרויען. טראץ אלע הכנות, דעם דרוק און די מידקייט, בלייבט דאס הויז פיל מיט ווארעמקייט, שמחה און אמונה. די אידישע מאמע איז די ריכטיגע "עקרת הבית", זי מאכט פון א פשוט'ן יום טוב א געהויבענע קבלת התורה פאר די גאנצע משפחה.

זאלן אלע אידישע פרויען האבן פיל כח, נחת און שמחה, ווייטער אויפצובויען ערליכע אידישע שטיבער פיל מיט תורה און קדושה. און בזכות די נשים צדקניות זאלן מיר זוכה זיין בקרוב צו קבלת התורה בשמחה ובפנימיות, און צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.



אייער פריינט
תושב השכונה
HAIR DONE
BY RUCHY MEZEI
75 Bakertown - across Icon Mall
845-701-6582




אייער פריינט
תושב השכונה
Beauty
Meets skill
Give it over to our makeover
SVM area
Excellent prices
Call or text S.czin
845-655-9491

# אינטערוויו

אינטערוויו מיט ביזנעס
אייגנטומער פונעם געגנט

# רבי יושע גאלדבערגער שליט"א
## שליח הקן



*שטייענדיג ארום די טעג פון קבלת התורה, איז נישט מער ווי פאסיג צו ווידמען די ארטיקל אויף א מער תורה'דיגע ענין. צוליב דעם האבן מיר זיך פארבינדן מיט א חשובע תושב השכונה, א תלמיד חכם ועוסק באורייתא, רבי יושע גאלדבערגער שליט"א, וואס איז עוסק אין די גרויסע מצוה פון שליח הקן, כדי צו הערן מער פון אים איבער די נושא.*

**א גוטן ר' יושע, צום אלעם ערשט ווי לאנג זענט איר עוסק אין די הייליגע מצוה פון שליח הקן?**

איך בין שוין ב"ה עוסק אין די גרויסע מצוה פאר 16 יאר בלי עין הרע.

**16 יאר איז א נומבער. איר זענט שוין געווען א בחור דאן?**

ניין, נאך אלס אינגל האבן מיינע עלטערן מיר געשיקט צו א חשובע דיין דא אין שטאט זיך אויסצולערנען די הלכות אין מיין פרייע צייט, און פון דעמאלטס האב איך זיך אנגעהויבן אריין צולייגן אין דעם.

**ווי פאראינטערסירט שפירט איר זענען מענטשן איבער דער מצוה פון שליח הקן?**

איך קען זאגן, אז גאר שטארק. אין די יעצטיגע צייט פון יאר ווען די פייגלעך בויען די נעסטן און לייגן די אייער, באקום איך גאר אסאך רופן פון מענטשן אז זיי ווילן מקיים זיין די מצוה, און איך זאל טרעפן א נעסט און עס פארקויפן פאר זיי.

**איר זאגט אז איר טרעפט נעסטן און איר פארקויפט דאס פאר אידן. ווען איינער טרעפט אליין א נעסט אינדרויסן פון זיין הויז, איז דא עפעס מיט וואס איר קענט אים דאן ארויסהעלפן?**

איז אזוי, ווען איינער רופט מיר אויפן טעלעפאון פרעגן א שאלה וועל איך אים גערן העלפן מיט וואס איך קען. אסאך מאל איז אבער שווער צו פארשטיין די מציאות אויפן טעלעפאון, למשל וועלכע סארט פייגל דאס איז, אדער אויף וועלכע פלאץ די נעסט איז געבויעט וכדו', און נאך אסאך זאכן וועלכע קענען אויסמאכן להלכה צו מ'זאל קענען מקיים זיין די מצוה אדער נישט. אזוי אויך ווילן אסאך מאל מענטשן אז איך זאל אריבער קומען זיי העלפן מקיים זיין די מצוה. דעריבער קום איך אראפ פאר א מינימאלע פרייז, און איך בין מסביר וואס די הלכה איז ביי יענע פאל און איך העלף ארויס מיט פראקטישע אנווייזונגען ווי אזוי מקיים צו זיין די מצוה.

אגב, איך וויל צולייגן, אז אין שכונת ויואל משה געב איך אן עקסטערע ביליגערע פרייז.

**זייער שיין, צוריק צו פריערע, איר האט געזאגט אז אייער עלטערן האבן אייך געשיקט זיך עס לערנען. הייגט צו טאגס לערנט איר עס אויך מיט אנדערע?**

זיכער, כסדר בעטן מיר עלטערן אז איך זאל לערנען מיט זייער בחור אדער אינגל די הלכות פון די גרויסע זעלטענע מצוה.

**וואס איז די מעלה אז א בחור זאל עס לערנען, און פארוואס זאל אים עס זיין אינטערעסאנט? בכלל, אפילו מ'קען שוין די הלכות, יעדער איינער טויגט דען צו טרעפן נעסטן?**

זייער א גוטע שאלה. די תירוץ איז זייער ◄

כאפסט אל שמועס

# מיט'ן מענעדזשער

UTMOST
MANAGEMENT

**נייער קאלום.**

אנגעהויבן פון קומענדיגע
וואך דא אינעם "קופקע".



ווארט מיט
שפאנונג





פשוט. שליח הקן איז טאקע א געהעריגע לימוד וואס מ'דארף גוט לערנען און פארשטיין. עס האט פילע הלכות וואס רוב מענטשן ווייסן אפילו נישט אז מ'דארף קענען ווען מ'איז מקיים די מצוה, אבער און די זעלבע צייט איז עס ארום גענומען מיט גאר אסאך אינטערעסאנטע פאקטן פון נאטור. ווען איך לערן מיט א בחור די הלכות שמועס איך אויך אויס דו מציאות און אייגנשאפטן פון צענדליגע סארטן פייגלעך וואס דרייען זיך דא אין ניו יארק, באגלייט מיט גאר שיינע אמת'ע בילדער פון א יעדע פייגל און פון זייערע נעסטן, אייער, און קינדער וכו"ו וכו"ו. אזוי אויך לערנט ער זיך אויס וואו א יעדע סארט פייגל בויעט זייער נעסט, און עצות ווי אזוי מ'קען זיי טרעפן, וואס דאס מאכט עס פארן בחור גאר אינטערעסאנט און אויך אסאך לייכטער קונה צו זיין די גאנצע סוגיא. אין די זעלבע צייט האבן די עלטערן שטארק הנאה צו זעהן ווי זייער בחור איז פאראינטערעסירט און פארנומען מיט אזא כשר'ע גוטע זאך.

**אייגער האט מיר דערציילט אז ער האט אריין געגרופן דא אין קרית יואל צו בית הוראה מיט א שאלה אויף שליח הקן און מ'האט אים געגעבן אייער נומבער. אויב איך מעג פרעגן ווי אזוי זענט איר צוגעקומען צו דעם?**

היות איך טוה שוין אין דעם פאר אזוי לאנג, איז מיר שוין אויסגעקומען צו האנדלען מיט פיל לאקאלע דיינים איבער די הלכות, וואס דאס האט מיר געמאכט באקאנט פאר זיי.

**צום שלוס, וועלכע אינטערעסאנטע פאקט איבער די נושא קענט איר דערציילן?**

דער עולם ווייסט נישט אבער צווישן אונזערע היימישע פייגלעך קומען פאר גרויסע חסד פראיעקטן. דהיינו, עס זענען דא פייגלעך וואס דרייען זיך אין אונזער געגנט, וועלכע אדאפטירן בעיבי פייגלעך פון אנדערע וואס קענען זיי נישט אליינס ערציען.

**וואס הייסט?**

איך וועל מסביר זיין. עס איז פארהאן אין אונזער געגנט א געוויסע סארט פייגל וואס דער אויבערשטער האט איר באשאפן מיט א נאטור, אז ווען זי וויל לייגן אן איי זוכט זי אויף א פאסיגע נעסט פון אן אנדערע פייגל וואס איז בכלל נישט די זעלבע מין, און זי לייגט דארט אריין איר איי, אדער אפילו מער פון איין איי. די אנדערע מאמע זיצט אויף דעם, און ווען עס ווערט געבוירן א בעיבי וועט די שטיף מאמע זיך ווייטער אפגעבן מיטן קינד און פיטערן ביז עס איז שוין געוואקסן צו קענען אליינס פליען. עס איז זייער אינטערעסאנט, צומאל קען מען זעהן ווי א מאמע פייגל וואס איז אסאך קלענער אין סייז, פיטערט אן אנדערע סארט בעיבי וואס איז פיל גרעסער פון איר. נאך אן אינטערעסאנטע זאך, אין אונזער געגנט דרייט זיך א געוויסע סארט פייגל וועלכע קען פליען צוריק-צו-וועגס. אזוי אויך זענען פארהאן דא פייגלעך וואס זייער נעסט איז די סייז פון א מענטש מיט וואס מ'צינדט אן א פייער.

**למעשה, אויב איינער וויל זיך פארבינדן מיט אייך וואס איז אייער נומבער?**

מ'קען מיר רופן אויף 347-864-1261

# קלאסיפייד

Do you want to lower your utility bill? if you have Medicaid or SNAP/Food Stamps - you are automatically approved.

יצחק הערש לעבאוויטש

text or leave a message:

845-774-5085

Get your alterations done without overpaying super quick service

845-637-9797

אויב ווייסט איר פון א מהלך וויאזוי מ'קען מאכן א פאדער שטוב מיט א טיר ביי די 6.5 רום סטיל דירה דא אין שכונה, ביטע רופן 845-537-7036 א גרויסן ישר כח

## שילוח הקן

מיר נעמען צו פרעימען "אייער".

פרי פיקאפ שכונות ויואל משה.

929-283-0422




אייער פריינט
תושב השכונה



# פארוואס נעמט קאווע אוועק די מידקייט?

עס איז שבועות ביינאכט, צוויי אזייגער פארטאגס, די מידקייט הייבט זיך אן אריינצוכאפן פאמעליך, אבער מען פרובירט זיך צו שטארקן און בלייבן וואך; מען גייט זיך מאכן א גוטע שווארצע קאווע זיך צו האלטן אויף, און יא, די שווארצע קאווע טוט איר דזשאב...

ס'איז שוין געווארן א רוטין אז קאווע האלט וואך, סיי אויפ'ן וועג אהיים פון שטאט אדער ווען ס'איז נאך דא ארבעט צו ענדיגן. האט איר זיך אמאל געפרעגט וואס קאווע טוט באמת? פארוואס מאכט עס אז א מענטש זאל בלייבן וואך און נישט קענען איינשלאפן?

קאווע איז שוין לאנג נישט סתם א געטראנק; ביי אסאך מענטשן איז עס ממש א חלק בלתי נפרד פונעם טאג זעלבסט. מען שטייט אויף אינדערפרי ווען די אויגן זענען נאך האלב פארמאכט, אבער נאך פאר מען זאגט א ווארט, זוכט מען שוין וואו די קאווע שטייט. עס זענען דא אידן וואס זאגן, אז זיי הייבן בכלל נישט אן צו פונקציאנירן ביז נאכ'ן ערשטן גלעזל קאווע...

דער תירוץ ליגט אין איין קליינע זאך וואס רופט זיך "קאפעין". דאס איז א נאטורליכער באשטאנדטייל וואס געפינט זיך אין די קאווע. ווען מען טרינקט קאווע, גייט דער קאפעין אריין אינעם בלוט און פון דארט גלייך צום מוח, וואו די גאנצע "ארבעט" הייבט זיך אן.

דער מענטשליכער גוף האט א ספעציעלע סיסטעם: ווי לענגער מען איז אויף, אלץ מער זאמלט זיך אן מידקייט אינעם מוח. דער גוף שיקט ממש סיגנאלן אז "הער אויס, ס'איז צייט צו שלאפן", מען הייבט אן שפירן ווי די אויגן ווערן שווערער און דער קאפ ארבעט שוין אביסל לאנגזאמער.

דא קומט קאווע אריין ווי א קלוגער ביזנעסמאן. דער קאפעין בלאקירט די סיגנאלן פון מידקייט, און דער מוח כאפט נישט פונקטליך ווי מיד דער מענטש איז טאקע. מיט איין ווארט: קאווע "נארט אפ" דעם מוח אז אלעס איז פיין, און דערפאר שפירט מען זיך פלוצלינג אביסל מער לעבעדיג און פריש.

דערפאר זעט מען טאקע אז מענטשן נעמען קאווע ווען מען דארף בלייבן וואך. למשל א בחור ביים לערנען שפעט ביינאכט, א טאטע נאך א שווערע נאכט מיט א קינד וואס האט נישט געלאזט שלאפן, אדער א איד אינדערפרי פארן דאווענען וואס פרובירט נאך אויפצומאכן די אויגן און קומען צו זיך. עס מוז נישט אלעמאל זיין דאס הייסע געטראנק וואס שלענגלט זיך אריין אינעם מויל; אסאך מאל העלפט שוין אפילו נאר דער שמעק פון די קאווע. מען הערט ווי די מאשין ארבעט, דער ריח גייט ארום אינעם גאנצן הויז, און עפעס אינעווייניג הייבט זיך שוין אן אויפצולעבן.

אבער מען דארף גוט געדענקן, קאווע האט אויך אירע גרעניצן. מען קען נישט בלויז טרינקען קאווע אנשטאט שלאפן, ווייל דער גוף דארף אמת'ע מנוחה און ריכטיגע שלאף. אסאך מענטשן האבן שוין געהאט די מעשה, מען איז טויט מיד, אבער ווייבאלד מען האט געטרונקען א שטארקע קאווע שפעט ביינאכט, ליגט מען אין בעט מיט אפענע אויגן און דער מוח לויפט ווי א טראק אן ברעיקס.

בעסער געזאגט, ביי יעדן איינעם ארבעט עס אנדערש. איינער קען טרינקען פינף קאוועס א טאג און שלאפן ווי א קינד. בשעת א צווייטער טרינקט א האלבע קאווע נאך מעריב און ער קוקט אויפן זייגער ביז צוויי אזייגער פארטאגס. אבער סוף כל סוף איז קאווע געווארן א טייל פונעם לעבן. אינעם ביהמ"ד נאך שחרית, ביי א ביזנעס מיטינג, אינמיטן א שמועס מיט חברים, אדער סתם אזוי אינדערהיים אין קיך. א גלעזל קאווע ברענגט מיט זיך עפעס א רואיגקייט און א פרישע ענערגיע.

אפשר איז דאס דער סוד פון קאווע: נישט נאר דאס וואס עס האלט דעם מענטש וואך, נאר דער גאנצער געפיל ארום דעם - די ווארעמקייט, דער ריח, און די פאר מינוט וואס א מענטש שפירט אז "יעצט קען מען ווייטער אנגיין...". דאס איז דער שטופ זיך צו האלטן פריש. קען זיין, לאמיר נעמען א גלעזעלע קאווע און עס דורכטון... א גוטע נאכט.




ads@svmkipka.com
845.682.1282


די E מיני
באס סטאפט
ביי אונזער
טיר
לא
תחמד
ארדע״ר
רעך
איך דו קענסט עס שנעל
באקומען; ארדער ביי שלומי׳ס!
shlomies
shlomies
shlomies
shlomies
א פרייליכן יום טוב
shlomies
Dial, skip the aisle™
774.7771
TEXT OR EMAIL
orders@shlomies.com
online: www.shlomies.com
WALK-IN HOURS
8am-6pm
WALK-IN STORES
8 Daj Blvd.
1027 Rt. 17M
© DPMG